בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

ברסלב

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

## פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ

**תש"פ**

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

**חיזוק יומי**

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל** | **טעלעפאון מעסידזשינג** |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיין מִשְׁפָּחָה רוֹדְפְ'ט מִיר וֶועגְן אוּמַאן?.....א
אוֹיבּ רֶעדְט מֶען לָשׁוֹן הָרָע, פַארְלִירְט מֶען אַלֶע זְכוּתִים?......ד
זָאל אִיךְ טוֹישְׁן דִי רֶבִּי'שֶׁע לְבוּשׁ פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה?.............ה
וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ חָתָן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה?...........ז
וִוי אַזוֹי הֶעלְף אִיךְ מַיין קִינְד נִישְׁט צוּ וֶוערְן אִין כַּעַס?.........ח
מֶעג אִיךְ טְרָאגְן מַיינֶע קִינְדֶער צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הִיטְן נִישְׁט אִידִישְׁקַייט?.......................................................י
וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין יוּנְגֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער?...........................................................יב

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

הַכָּרַת הַטוֹב פַארְ'ן הֶעלְפְן אוֹיסְהַאלְטְן דִי טַייעֶרֶע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט.......................................................א
נָאכְ'ן לֶערְנֶען זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן רֵיינִיגְן דִי שׁוּל .....................א
אַ נָאמֶען פוּן אַ צַדִיק הָאט אַ גְרוֹיסֶער כֹּחַ .......................ב
קוּקְט אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים פוּן אַייעֶר מַאן .....................ג
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מַאכְן גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער, דִי גְרֶענִיץ וֶועט זִיךְ עֶפְּעֶנֶען....................................................ה
וואוּ לִיגְט דֶער רֶבִּי?..........................................ו

זַיי מִיר דַן לְכַף זְכוּת, אִיךְ בִּין זַייעֶר פַּארְנוּמֶען ........................ ז

הֶעלְף אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת אִין שְׁטוּב ................................ ח

פוּן הִימְל ווִיל מֶען זֶען ווִי אַזוֹי דוּ דֶערְהַאלְסְט זִיךְ ............... ט

אַ שָׁאד דִי צַייט זִיךְ צוּ טַעְנָה'ן מִיט מֶענְטְשְׁן ......................... י

מִיר קוּמֶען אִין אוּמַאן נָאר צוּם רֶבִּי'ן ................................ יב

מַאךְ הַיינְט פַאר דִיר אַ "יוֹם הוּלֶדֶת", אַ טָאג וָואס דוּ וֶועְרְסְט
פְרִישׁ גֶעבּוֹירְן .................................................. יג

אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי שֵׁיינֶע הוֹיז, צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער אוֹיפְ'ן
רֶבִּינְ'ס וֶועג ...................................................... יד

נוּץ אוֹיס דִי פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן
תְּפִלָּה ............................................................ טו

דַיין יְשׁוּעָה לִיגְט נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הֶענְט, נִישְׁט בַּיים
דָאקְטֶער ........................................................... טו

ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַלְץ נֶענְטֶער וֶוערְט מֶען
צוּ אִים ............................................................ טז

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַן אַנְדֶערְע סָארְט תִּיקוּן ..................... טז

נִישְׁט מַאכְן קַיין נֵייעֶ מִנְהָגִים .................................... יח

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיין מִשְׁפָּחָה רוֹדְפְ׳ט מִיר וֶועגְן אוּמַאן?

### שְׁאֵלָה:

אִיךְ קוּם פוּן אַ לִיטְוִוישֶׁע מִשְׁפָּחָה וָואס אִיז נִישְׁט מַחְשִׁיב בְּרֶסְלֶב אוּן זֵיי דְרֵייעֶן מִיר כְּסֵדֶר אַ קָאפּ וֶועגְן מַיין מַאן וָואס פָּארְט קַיין אוּמַאן. נִישְׁט נָאר דָאס יָאר מִיט קָארָאנֶע, נָאר יֶעדֶעס יָאר אִיז דָא עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וָואס זֵיי זָאגְן מִיר. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אוֹיב וִויל אִיךְ זַיין אַ גוּטֶע וַוייב טָאר אִיךְ נִישְׁט לָאזְן מַיין מַאן פָּארְן, עֶס אִיז אַ סַכָּנָה וְכוּ' וְכוּ' אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען קֶען זָאגְן צוּ פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ.

אָבֶער דָאס יָאר סְפֶּעצִיעֶל רוּפְן זֵיי מִיר יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט צוּ זָאגְן וִוי סַכָּנוֹתְ'דִיג עֶס אִיז, אַז דִי גְרֶענִיץ אִיז פַארְמַאכְט אוּן עֶס אִיז דָאךְ דָא קָארָאנֶע וְכוּ', אוּן דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיסְצוּהַאלְטְן; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶענוּג מְנִיעוֹת צוּ שִׁיקְן מַיין מַאן צוּ אַ וַוייטֶע פְּלַאץ אוֹיף יוֹם טוֹב פַאר אַזוֹי לַאנְג, עֶס אִיז מִיר שׁוֹין גֶענוּג שְׁוֶוער אָן דִי אַלֶע בִּלְבּוּלִים אוּן פְּחָדִים, דִי רְדִיפוֹת פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה מַאכְט עֶס נָאר עֶרְגֶער.

אוֹיךְ, מַיין מִשְׁפָּחָה אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם לָאזוּנְג: "לֶעבּ אוּן לָאז לֶעבְּן", אוּן גֶעוֶוענְלִיךְ מִישְׁן זֵיי זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְנְ'ס לֶעבְּן זֵיי צוּ זָאגְן וָואס צוּ טוּן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען מַיין בְּרוּדֶער הָאט זִיךְ נֶעבֶּעךְ גֶעדְרֵייט מִיט אַ גוֹי'טֶע, הָאבְּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן אַנְדֶערֶע גֶעשְׁוִוסְטֶער אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, אוּן וֶוען מִיר הָאבְּן זִיךְ יָא אַרַיין גֶעמִישְׁט אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר טָאר אִיר נִישְׁט בְּרֶענְגֶען צוּ אוּנְזֶער הוֹיז אִיז דִי מִשְׁפָּחָה גֶעשְׁפְּרִינְגֶען אוֹיף אוּנְז אַז מִיר הָאבְּן אִים נִישְׁט לִיבּ אוּן מִיר זֶענֶען אִים נִישְׁט מְחַזֵּק, אוּן וִוי אַזוֹי גֵייט עֶר צוּרִיק וֶוערְן פְרוּם אוֹיב מִיר שְׁטוּפְּן אִים וַוייטֶער וְכוּ' וְכוּ'. אָבֶער וֶוען מַיין מַאן וִויל פָּארְן צוּם צַדִיק, זִיךְ מְקַשֵׁר זַיין צוּ אִים אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין, אִין דֶעם מִישְׁן זֵיי זִיךְ יָא אַרַיין.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵוויי אַז זֵיי שְׁפֵּייעֶן אוֹיף עֶפֶּעס וָואס אִיז אַזוֹי חָשׁוּב בַּיי אוּנְז. בָּרוּךְ הַשֵּׁם

אַז אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ גוּטֶע קֶשֶׁר מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן גֶעשְׁוִויסְטֶער, אוּן אִיךְ רֶעד מִיט זֵיי אַסַאךְ. אִיךְ הָאבּ זֵיי שׁוֹין גֶעבֶּעטְן זִיךְ נִישְׁט אַרַיין צוּ מִישְׁן, אָבֶּער עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט. וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרוֹיעֶן וֶוערְן צֶעשְׁטָאכְן פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וֶועגְן בְּרֶסְלֶב; וֶוען דִי עֶלְטֶערְן וֶוערְן גֶעוואוּיר אַז דֶער אֵיידֶעם פָּארְט קַיין אוּמַאן הֵייבְּן זֵיי אָן רוֹדְפְ'ן זֵייעֶר טָאכְטֶער, זֵיי לֵייגְן גְרוֹיס דְרוּק זִי זָאל שְׁטֶעלְן אַ ווִידֶערְשְׁטַאנְד אוּן נִישְׁט לָאזְן דֶעם מַאן פָּארְן קַיין אוּמַאן.

אַנְשְׁטָאט דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז זֵייעֶר טָאכְטֶער אִיז גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן מִיט אִיר מַאן, אַנְשְׁטָאט זֵיי זָאלְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז דֶער אֵיידֶעם פִּירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ, עֶר הָאט אַ רֶבִּי וָואס שְׁטַארְקְט אִים - רוֹדְפְ'ט מֶען דֶעם אֵיידֶעם אוּן דִי טָאכְטֶער; ווִי מֶען קֶען שְׁטֶעכְן גֶעבְּט מֶען אַ שְׁטֶעךְ אוּן ווִי מֶען קֶען מַאכְן אַ ווֵיטָאג מַאכְט מֶען אַ ווֵיטָאג, אָן טְרַאכְטְן ווִי שְׁטַארְק דָאס טוּט וֵויי.

וָואס זָאל מֶען טוּן אַז בְּרֶסְלֶב אִיז פַארְשֶׁעמְט? וָואס קֶען מֶען טוּן אַז מֶען רֶעדְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אוּן אוֹיף זַיינֶע תַּלְמִידִים - לָשׁוֹן הָרָע; דָאס מַאכְט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן בְּרֶסְלֶב, דָאס מַאכְט מֶען זָאל מוֹרָא הָאבְּן וֶוען מֶען הֶערְט אַז דִי קִינְדֶער הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב; אַזוֹי מוּז דָאס גֵיין, עֶס דַארְף זַיין לֵיצָנוּת אוֹיף אַ צַדִּיק. אוֹיף אַלֶע אֱמֶתְ'עֶ צַדִּיקִים אִיז דָא לֵיצָנוּת, חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ב, ח): "אֵין דּוֹר שֶׁאֵין בּוֹ לֵצָנִים", אִין יֶעדֶע דוֹר זֶענֶען דָא לֵצִים; אַלֶע צַדִּיקִים הָאט מֶען גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן מֶען הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף זֵיי.

יֶעדֶע פְרִישֶׁער מְקוֹרָב וָואס ווִיל קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן דַארְף אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם נִסָּיוֹן, מֶען טְשֶׁעפֶּעט אוּן מֶען שְׁפֶּעט; אַנְדֶערְשׁ קֶען מֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ נֶעמֶען פוּן רֶבִּי'ן אַלֶע גוּטְס. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז' - מִזְבּוּב וְעַכָּבִישׁ) וָואס עֶס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן מִיט זַיין נְשָׁמָה אֵיידֶער זִי אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי

וָועלְט, ווי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וָועלְט, פַּארְוָואס הָאסְטוּ מִיר בַּאשַׁאפְן?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפּ קוּמֶען אוֹיף דִי וָועלְט, דוּ גֵיי אוּן זוּךְ דִיר אַן עֵצָה", אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקְן אַן אֵיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם, זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "דִי נְשָׁמָה קֶען שׁוֹין אַרָאפּ גֵיין, מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַן עֵצָה", מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז דִי עֵצָה זֵייעֶרֶע אִיז לֵיצָנוּת; מֶען שְׁפֶּעט פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן, פוּן בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים. דָאס אִיז דִי עֵצָה וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט קֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן, דוּרְכְדֶעם הַאלְטְן זִיךְ מֶענְטְשְׁן אָפּ פוּן מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן.

דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט פוּן אַייעֶר מִשְׁפָּחָה אַז זֵיי זֶענֶען פְּרַיינְטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי הָאבְּן דִי שִׁיטָה פוּן 'לֶעבּ אוּן לָאז יֶענֶעם לֶעבְּן' וְכוּ' וְכוּ'; דָא קֶענְט אִיר זֶען דָאס פַּארְפוֹילְקֵייט פוּן דִי אַלֶע לִינְקֶע וְכוּ' וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ אַרוֹיס מִיט אַ שֵׁיינֶעם פָּנִים אַז מֶען דַארְף יֶעדְן אֵיינֶעם לָאזְן לֶעבְּן זֵייעֶר וֶועג - ווִי לִיגְנְט אוּן פַאלְשׁ דָאס אִיז; וְהָא רַאְיָ', וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֶרְלִיכְקֵייט, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ זַיין פְּרוּם - דֶעמָאלְט פַּארְגֶעסְט מֶען פוּן דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע גֶעמַאכְטֶע שְׁפְּרִיךְ וָוארְט: 'לֶעבּ אוּן לָאז יֶענֶעם לֶעבְּן'. דִי פְּרוּמֶע מֶענְטְשְׁן מֶעג מֶען טְשֶׁעפֶּען, דִי דַארְף מֶען רוֹדְפְ'ן; פְּלוּצְלוּנְג אִיז נִישְׁט דָא דֶער בַּאגְרִיף 'לֶעבּ אוּן לָאז יֶענֶעם לֶעבְּן', יֶעדְן אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין, מֶען דַארְף יֶעדְן אֵיינֶעם לָאזְן טוּן וָואס זֵיי ווִילְן - בִּיז דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס וויל גָארְנִישְׁט, עֶר וויל נָאר טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט; אִים רַייסְט מֶען אַרָאפּ, בַּיי אִים אִיז מֶער נִישְׁט דָא 'לֶעבּ אוּן לָאז יֶענֶעם לֶעבְּן', אִים דַארְף מֶען נִישְׁט רֶעסְפֶּעקְטִירְן וְכוּ'.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַ וואוֹילֶער מַאן; לֶעבְּט מִיט אִים, זַייט אִים מְכַבֵּד, זַייט אִים מְחַזֵּק עֶר זָאל פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּט יָאר פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן וֶוען אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן טְשֶׁעפֶּען אַייךְ זָאלְט אִיר גָארְנִישְׁט עֶנְטְפֶערְן; טַעְנָה'ט זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי, זָאגְט זֵיי אַז אִיר דַארְפְט טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט, אַ פְּרוֹי דַארְף טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם מַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אויב רֶעדְט מֶען לָשׁוֹן הָרָע, פַאַרְלִירְט מֶען אַלֶע זְכוּתִים?

**שְׁאֵלָה:**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז וֶוען מֶען רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע גֵייעֶן אַלֶע מִצְוֹת און זְכוּתִים צוּ דֶעם אוֹיף וֶועמֶען מֶען הָאט גֶערֶעדְט. אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן גֶעהֶערְט אַ גֶעוואלְדִיגֶע שִׁיעוּר פוּנֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר פְרוֹיעֶן, ווי מֶען הָאט גֶערֶעדְט אַז דִי פְרוֹיעֶן קוּמֶען מִיט פֶּעק און זֶעק פוּל מִיט זְכוּתִים פוּן גִּדּוּל בָּנִים, טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה און נָאךְ. אִיךְ אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיף שְׁמִירַת הַלָּשׁוֹן, אָבֶּער פוּן מָאל צוּ מָאל קֶען מֶען אַרָאפְּ פַאלְן, דָאס מֵיינְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין זְכוּתִים? אֶפְשָׁר רֶעד אִיךְ לָשׁוֹן הָרָע בְּטָעוּת אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל אַלֵיינְס, מֵיינְט דָאס אַז אִיךְ הָאבּ נָאר אַפָּאר וָואכְן פוּן זְכוּתִים, נִישְׁט פוּן דִי גַאנְצֶע יָאר?

דִי שְׁאֵלָה נֶעמְט מִיר מַמָּשׁ צוּ מַיין מְנוּחַת הַנֶּפֶשׁ. אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אויבּ דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים (חוֹבוֹת הַלְּבָבוֹת שַׁעַר הַכְּנִיעָה פֶּרֶק ז, און אִין נָאךְ סְפָרִים) אַז וֶוען מֶען רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶע מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים פוּן דֶער מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע און מֶען טְרָאגְט עֶס פַארְ'ן מֶענְטְשׁ וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי אוֹיךְ נֶעמְט מֶען אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס יֶענֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּן און מֶען בְּרֶענְגְט עֶס צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע; מִיט דֶעם טַייטְשְׁט מֶען, דָּוִד הַמֶּלֶךְ קְרֶעכְצְט (תְּהִלִּים סט, יג): "יָשִׂיחוּ בִי יֹשְׁבֵי שָׁעַר, וּנְגִינוֹת שׁוֹתֵי שֵׁכָר", דִי אַלֶע וָואס זִיצְן אִין דִי גַאסְן און דִי אַלֶע וָואס טְרִינְקֶען אִין טְרִינְק הַייזֶער - רֶעדְן אוֹיף מִיר שְׁלֶעכְטְס; דָּוִד הַמֶּלֶךְ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס אַז דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִים זֶענֶען לֵיידִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין מִצְוֹת, קוּמְט אוֹיס אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט מַרְוִיחַ פוּן דֶעם, עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּצוּנֶעמֶען פוּן זֵייעֶרֶע מִצְוֹת.

אָבֶּער וויסְן זָאלְט אִיר אַז אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען הָאט חֲרָטָה אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אוּן מֶען נֶעמְט זִיךְ פָּאר מֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן - דֶעמָאלְט בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק אַלֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. אַזוֹי בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (סֵפֶר דִּבְרֵי יוֹאֵל פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, דַּף תנא): "אָמְנָם אִם הַמְסַפֵּר לָשׁוֹן הָרָע חוֹזֵר בִּתְשׁוּבָה", אוֹיבּ דֶער וָואס רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע טוּט תְּשׁוּבָה, "אֲזַי שָׁבִים כָּל מִצְווֹתָיו אֵלָיו", דֶעמָאלְט קוּמֶען צוּרִיק אַלֶע מִצְוֹת צוּ אִים, "וְהַכֹּל עַל מְקוֹמוֹ הָרִאשׁוֹן יָבֹא", אוּן אַלֶעס וֶוערְט צוּרִיק אַזוֹי וִוי פְּרִיעֶר.

דֶערִיבֶּער אַז אִיר הָאט מוֹרָא וָואס וֶועט זַיין מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע זֶעק אוּן פֶּעק פוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן אַ גַאנְץ יָאר וָואס אִיר הָאט פַארְלוֹירְן וֶוען אִיר הָאט גֶערֶעדְט שְׁלֶעכְטְס וְכוּ׳; אוֹיבּ אִיר טוּט תְּשׁוּבָה, אִיר נֶעמְט זִיךְ פָּאר מֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַנְדֶערֶע אוּן אִיר בֶּעט אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיר הָאט וֵויי גֶעטוּן - וֶועט צוּרִיק קוּמֶען צוּ אַייךְ אַלֶע אַייעֶרֶע מִצְוֹת אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זָאל אִיךְ טוֹישְׁן דִי רֶבִּי׳שֶׁע לְבוּשׁ פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ רֶבִּי'שׁ קִינְד אוּן אִיךְ גֵיי מִיט שְׁוַוארְצֶע זָאקְן וַוייל אַזוֹי גֵייט מַיין מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הָאבּ עֶס אָבֶּער זֵייעֶר פַּיינְט, אִיךְ קֶען עֶס מַמָּשׁ נִישְׁט לַיידְן, אוּן אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט טוֹישְׁן צוּ נָארְמַאלֶע לַאנְגֶע הוֹיזְן וִוי יֶעדֶער אֵיינֶער.

מֶעג אִיךְ טוֹישְׁן דִי לְבוּשׁ צוּ זַיין אַנְדֶערְשׁ פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אַז עֶס זָאל מִיר נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק שְׁטֶערְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז דַיין פְּרַאגֶע - צִי דוּ מֶעגְסְט אוֹיסְטוּן דַיין לְבוּשׁ, אָדֶער צִי דוּ זָאלְסְט עֶס אוֹיסְטוּן? מֶעגְן מֶעגְסְטוּ, נִישְׁטָא קַיין הֲלָכָה אִין דֶעם, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַ הֲלָכָה אַז מֶען מוּז גֵיין הַאלְבֶּע הוֹיזְן וְכוּ'; צִי דוּ זָאלְסְט עֶס אוֹיסְטוּן? - דָאס אִיז שׁוֹין עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אוֹיף דֶעם זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, זָאלְסְט גֵיין אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

מִיט אַסַאךְ דַאוֶונֶען, מִיט אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת - וֵוייסְט מֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. דַאוֶונֶען אוּן הִתְבּוֹדְדוּת אַרְבֶּעט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס קְלָארְט אוֹיס דֶעם מֹחַ, אוֹיךְ נֶעמְט עֶס אַוֶועק דִי הֵייסֶע בְּלוּט וָואס מַאכְט מַחֲלֹקֶת וְכוּ'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן עה): "דְּהִנֵּה, יֵשׁ מִדַּת נִצָּחוֹן וּמַחֲלֹקֶת וּמִלְחָמָה, וּמֵהֵיכָן בָּא מִדָּה זוֹ, מִדָּמִים שֶׁעֲדַיִן לֹא עָבַד בָּהֶם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דִי מִידוֹת פוּן נִצָּחוֹן, מַחֲלֹקֶת אוּן מִלְחָמוֹת קוּמְט פוּן דִי הֵייסֶע בְּלוּט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נָאךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, "וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְבַטֵּל מִדַּת הַנִּצָּחוֹן וְהַמַּחֲלֹקֶת", מֶען דַארְף אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי בְּלוּט עֶס זָאל זַיין רֵיין פוּן דִי אַלֶע תַּאֲווֹת, "וְלִרְדֹּף אַחַר הַשָּׁלוֹם", מֶען דַארְף זוּכְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, "וְזֶה זוֹכִין עַל יְדֵי שֶׁיְּדַבֵּר הַרְבֵּה בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לְשָׁלוֹם", דוּרְךְ תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט פוּן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, מֶען וֶוערְט אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן בְּעִיקָר מִיט זִיךְ אַלֵיינְס; מֶען אִיז צוּפְרִידְן וִוי אַזוֹי מֶען אִיז.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד וָואס מֶען הָאט אִים גֶעהֶערְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער יֶעצְט קוּמְט וִוינְטֶער, עֶס גֵייט זַיין זֵייעֶר קַאלְט, אִיךְ דַארְף הָאבְּן פֵיינֶע וַוארֶעמֶע שְׁטִיוְול. אוּן אוֹיבּ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ דַארְף עֶס נִישְׁט הָאבְּן נֶעם עֶס אַרוֹיס פוּן מַיין קָאפּ, מַאךְ אִיךְ זָאל דָאס נִישְׁט וֶועלְן"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, מַיין מִשְׁפָּחָה גֵייט אָנְגֶעטוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ דִי וֶועג, אִיךְ עֶקְל זִיךְ פוּן דֶעם; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל וִויסְן וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ טוּן, אוֹיבּ אִיךְ זָאל דָאס אוֹיסְטוּן.

**און אויב איךְ זָאל בְּלַייבְּן מִיט דֶעם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל דָאס לִיב הָאבְּן, עֶס זָאל מִיר נִישְׁט אָנְגֵיין וְכוּ׳ וְכוּ׳״.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

...

**ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ חָתָן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, פַאר'ן מִיר גֶעבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ אַן עֶרְנְסְטֶע שְׁאֵלָה, אִיךְ חָלֶשׁ צוּ בַּאקוּמֶען אַ שִׁידוּךְ, אַ בָּחוּר ווָאס אִיז אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה, אָדֶער אֵיינֶער ווָאס הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים פוּן יְשִׁיבָה. אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן צוּ לֶעבְּן מִיט אֵיינֶעם ווָאס אִיז נִישְׁט מְקוֹרָב. ווָאס טוּ אִיךְ? אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק און מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן אִינְגַאנְצְן נִישְׁט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י״ז אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי ווִי אִיר מֵיינְט; מֵיינְט נִישְׁט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער ווָאס הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים, אָדֶער יֶעדֶער ווָאס לֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה - פָּאלְגְט דִי שִׁיעוּרִים און נֶעמְט דָאס פַאר'ן לֶעבְּן. מֶען קֶען זִיךְ דְרֵייעֶן אִין אַ גוּטֶע פְּלַאץ און נִישְׁט טוּן ווָאס מֶען רֶעדְט אִין דֶעם גוּטְן פְּלַאץ; אִיר זָאלְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶער מַאן, אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, אַ פְרֵיילִיכֶע שְׁטוּבּ; דָאס אִיז דֶער עִיקָר ווָאס אַ מֵיידְל דַארְף בֶּעטְן.

אִיר ווֵייסְט אַוַדַאי ווָאס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ז): ״מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד שֶׁהָיָה נָשׂוּי לַחֲסִידָה אַחַת וְלֹא הֶעֱמִידוּ בָּנִים זֶה מִזֶּה, אָמְרוּ, אֵין אָנוּ מוֹעִילִים לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלוּם, עָמְדוּ וְגֵרְשׁוּ זֶה אֶת זֶה״, עֶס אִיז גֶעוֶוען

אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַן עֶרְלִיכֶער איד וָואס אִיז גֶעוֶוען חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, עֶס אִיז אַרִיבֶּער לַאנְגֶע יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער און זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעדַארְפְט גֶטְ'ן, "הָלַךְ זֶה וְנָשָּׂא רְשָׁעָה אַחַת, וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ רָשָׁע", דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז גֶעגַאנְגֶען און הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי און זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ רָשָׁע, "הָלְכָה זֹאת וְנִשֵּׂאת לְרָשָׁע אֶחָד וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ צַדִּיק", און דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ רָשָׁע און זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, "הֱוֵי שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס אִיז גֶעוָוארְן אִין דִי פְרוֹי.

אַז אִיר לֶעבְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר לֶעבְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה און אִיר הָאט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען צַאמְפְּלֶעכְטְן דִי וֶועלְט מִיט יֶענֶע וֶועלְט - וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ וַוארֶעמֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ צוּזַאמֶען מִיט אַייעֶר מַאן, נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד וואוּ עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

קְרִיגְט אַייךְ נִישְׁט מִיט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; גֶעבְּט אַייךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר וִוילְט חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיר וִוילְט הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ; וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן מִיט אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### וִוי אַזוֹי הֶעלְף אִיךְ מַיין קִינְד נִישְׁט צוּ וֶוערְן אִין כַּעַס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב אַ שְׁאֵלָה וֶועגְן מַיין טָאכְטֶער וָואס אִיז אַ יָאר און אַ הַאלְבּ אַלְט. זִי אִיז קַיין עַיִן הָרָע זֵייעֶר אַ זִיס קִינְד, אָבֶער זִי וֶוערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְגֶערֶעגְט זֵייעֶר גְרִינְג און זִי קֶען זִיךְ נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן.

אִיךְ אַלֵיין אַרְבֶּעט זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיף מַיין אֵייגֶענֶע כַּעַס, און מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף און אַסַאךְ אַסַאךְ תְּפִלָּה בִּין אִיךְ אַסַאךְ בֶּעסֶער הַיינְט, און אֲפִילוּ אַזוֹי הָאב אִיךְ נָאכְאַלְץ וָואס צוּ דַאוֶוענֶען אוֹיף וַוייטֶער.

ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיר הֶעלְפְן צוּ צֶעבְּרֶעכְן די מִדָּה וֶוען זי אִיז נָאךְ יוּנג, עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן עֶרְגֶער און שְׁוֶוערֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מוֹהֲרַ"ש זָאגְט, יֶעדֶע מַאשִׁין און יֶעדֶע חֵפֶץ וָואס מֶען קוֹיפְט קוּמְט מִיט מִיטְ'ן מַאשִׁין אָנְוַוייזוּנְגֶען (אִינְסְטְרַאקְשְׁנְס) ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ בַּאנוּצְן דֶערְמִיט, אַנְדֶערְשׁ אִיז מִיט קִינְדֶער, קִינְדֶער קוּמֶען אָן קֵיין אָנְוַוייזוּנְגֶען; וֶוען קִינְדֶער הֵייבְּן אָן אוּנְטֶער וַואקְסְן וֵוייסְט מֶען נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין, עֶלְטֶערְן וֵוייסְן נִישְׁט ווִי אַזוֹי אוֹיפְצוּהָאדֶעוֶוען די קִינְדֶער, און אֲפִילוּ מֶען וֵוייסְט שׁוֹין יָא ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן און ווִי אַזוֹי צוּ בַּאהַאנְדְלֶען אַ קִינְד, מֵיינְט נָאךְ נִישְׁט אַז דֶער מִיטְל און מֶעטָאד אַרְבֶּעט בַּיי אַלֶעמֶען, יֶעדֶעס קִינְד אִיז אַן אַנְדֶערֶע וֶועלְט, יֶעדֶעס קִינְד אִיז אַן אַנְדֶערֶע גֶעשִׁיכְטֶע, די מִיטְלֶען וָואס אַרְבֶּעטְן בַּיי אֵיינֶעם אַרְבֶּעט נִישְׁט בַּיים צְוֵוייטְן.

אֵיין עֵצָה אִיז דָא פַאר עֶלְטֶערְן, עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶעס קִינְד בַּאזוּנְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן; ווִי מֶער מֶען בֶּעט, ווִי מֶער מֶען וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ מֶער נַחַת זֶעט מֶען.

מוֹהֲרַ"ש דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד וָואס הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "ווִי אַזוֹי הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרָאפְּגֶערִיסְן פוּן בּוֹים?! אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ טְרֶערְן פַארְגָאסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי; אִיךְ פְלֶעג וֵויינֶען יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מֶעג איך טְרָאגְן מַיינֶע קִינְדֶער צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הִיטְן נִישְׁט אִידִישְׁקֵייט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט וויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר די גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, וָואס גֶעבְּן מִיר מַמָּשׁ חַיּוּת צוּם לֶעבְּן, עֶס מַאכְט מִיר פְרֵיילִיךְ דָאס לֶעבְּן.

אִיךְ הָאב צְוֵויי זַאכְן צוּ פְרֶעגְן, עֶרְשְׁטְנְס, אִיךְ הָאב בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער, מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אָבֶער לֵיידֶער נָאךְ פְרֵיי, זֵיי הִיטְן נִישְׁט קַיין תּוֹרָה וּמִצְוֹת, זֵיי הָאבְּן טֶעלֶעוִויזְיֶע אִינְדֶערְהֵיים, ווִי אוֹיךְ צְוֵויי קָאמְפְּיוּטֶערְס, צְוֵויי טֶעבְּלֶעטְס, צְוֵויי סְמַארְטְפָאוֹנְס און אַלֶעס אִיז אָפְן גֶעהֶעריג צוּ די אִינְטֶערְנֶעט, און כָאטְשׁ וָואס איך בִּין זֵיי מְכַבֵּד, אִיךְ רֶעד צוּ זֵיי אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן יֶעדְן טָאג און אִיךְ פְּרוּבִּיר אַרִיבֶּערְצוּגֵיין צוּ זֵיי פוּן צַייט צוּ צַייט, הָאב אִיךְ אָבֶער מוֹרָא פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ וויל נִישְׁט אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן צוּטְרִיט צוּ די אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. און די זֶעלְבֶּע זַאךְ טְרַאכְט אִיךְ וָואס וֶועט זַיין אִין אַפָּאר יָאר אַרוּם, אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זֵיי קֶענֶען לַאדֶענֶען צוּ קוּמֶען וואוֹינֶען נֶעבְּן מִיר, אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן די אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. ווִי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען אַזַא זַאךְ?

די צְוֵוייטֶע זַאךְ וויל אִיךְ פְרֶעגְן, אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעוֶוענְלִיךְ פְרֵיילִיךְ און רוּאִיג, וֶוען אִיךְ וַוארְט אָבֶער אַ קִינְד, און נָאכְ'ן הָאבְּן אַ קִינְד, פַאל אִיךְ אַרַיין אִין אַ שְׁוֶוערֶע דֶעפְּרֶעסְיֶע, אִיךְ וֶוער זֵייעֶר נֶערְוֶועז, און אִיךְ בִּין פוּל מִיט נֶעגַאטִיוֶוע מַחֲשָׁבוֹת. וָואס קֶען מֶען טוּן אִין אַזַא מַצָּב? זָאל אִיךְ נֶעמֶען מֶעדֶעצִין פַאר דֶעם?

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י״ח אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אִיר קֶענְט זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי גְרוֹיס אִיז די מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:): ״שְׁלֹשָׁה שֻׁתָּפִין הֵן בָּאָדָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אָבִיו, וְאִמּוֹ, בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ**

הוּא - מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילוּ דַּרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי", דְרַיי שׁוּתְּפִים אִיז דָא אִינֶעם מֶענְטְשׁ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, טַאטֶע אוּן מַאמֶע; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "אִיךְ קוּם וואוֹינֶען צְוִוישְׁן אַייךְ אוּן אִיךְ רֶעכְן דָאס אַזוֹי וִוי אִיר זֶענְט מִיר מְכַבֵּד".

זַייט וַוייטֶער מְכַבֵּד אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אֲפִילוּ זֵיי פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף דִי אִידִישֶׁע וֶועג; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, סִימָן כו): "כָּל הָעוֹלָם כּוּלוֹ שֶׁל הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז מַיינְס - אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאשַׁאפְן, אִיךְ בֶּעט פוּן עֶנְק נָאר אֵיין זַאךְ, אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע.

אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן; אִיר זָאלְט בֶּעטְן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן שֵׁיינֶערְהֵייט אוֹיבּ עֶס אִיז זֵיי נִישְׁט שְׁוֶוער אַוֶועקְצוּלֵייגְן דִי זַאכְן וֶוען אִיר קוּמְט מִיט דִי קִינְדֶער. נִישְׁט אִיר זָאלְט זֵיי מְחַנֵךְ זַיין; אִיר טָארְט נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, נָאר זַייט זֵיי מַסְבִּיר אַז אִיר פְּרוּבִּירְט אוֹיפְצוּצִיעֶן דִי קִינְדֶער וַוייט פוּן דִי זַאכְן, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן קַיין טֶעלֶעוִויזְיֶע אוּן קָאמְפְּיוּטֶער וְכַדוֹמֶה, אוֹיבּ אִיז מֶעגְלִיךְ וֶוען אִיר קוּמְט זָאל מֶען דָאס נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען.

אַז אִיר וֶועט מְכַבֵּד זַיין אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וֶועט עֶס גָארְנִישְׁט שָׁאטְן פַאר דִי קִינְדֶער, אַדְרַבָּה אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְווֹת.

אִיר זָאלְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ אַייעֶרֶע קִינְדֶער פוּן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן מִיט כָּבוֹד אוּן עֶהְרֶע. וֶוען דִי קִינְדֶער פְרֶעגְן אַייךְ כָּל מִינֵי פְרַאגֶעס: "פַארְוָואס טוּט זֵיידֶע דָאס?" "פַארְוָואס טוּט בַּאבִּי דָאס?" זָאלְט אִיר זֵיי שֵׁיין גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין: "זֵיידִי אוּן בַּאבִּי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דִי תּוֹרָה, זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת'עֶר, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְאֵיינֶעם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף זֵיידֶע אוּן בַּאבִּי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי זָאלְן הִיטְן דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת", אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אוֹיף אַייעֶר צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע; אִיר קֶענְט נֶעמֶען מֶעדֶעצִין פַאר דֶעם, וֶועט אִיר זַיין מֶער פְרֵיילִיךְ, עֶס וֶועט אַייךְ זַיין גְרִינְגֶער צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם זָאלְט אִיר זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן הָאבְּן נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

...

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין יוּנְגֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וָואס הָאט מִיר מַמָּשׁ גֶעגֶעבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן, אַ נֵייעֶ מֹחַ, פָּשׁוּט שֵׂכֶל! אִיךְ לֶעב מִיט אֱמוּנָה, תְּפִלָּה, און הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ רֶעד שֵׁיין אִין שְׁטוּב צו טַאטֶע מַאמֶע, אִיךְ פָּאלְג זֵיי אוֹיפְ'ן רֶגַע, אַ זַאךְ פון וָואס זֵיי שֶׁעפְּן פִיל נַחַת פון מִיר.

אִיךְ הָאב אַ זַאךְ וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם, אִיךְ הָאב אַ שְׁוֶועסְטֶער וָואס אִיז יוּנְגֶער פון מִיר, און אִיךְ וֶועל זָאגְן דֶעם אֱמֶת אַז אִיךְ הָאב אִיר נִישְׁט לִיבּ, אִיךְ הָאב נִישְׁט לִיבּ אִיר נַאטוּר, אִיךְ זוּךְ אַלְץ נִישְׁט צו זַיין מִיט אִיר צוּזַאמֶען, און נִישְׁט זִיצְן נֶעבְּן אִיר. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער עֶס מַאכְט נֶערְוֶועז וֶועמֶען. אָבֶער דִי מְצִיאוּת אִיז אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי לִיבּ און דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק.

אִיךְ הָאב זִיךְ אַזוֹיפִיל מָאל אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען קַבָּלוֹת צו רֶעדְן שֵׁיין צו אִיר, אִיר פָּאלְגְן וָואס זִי בֶּעט מִיר און אִיר עֶנְטְפֶערְן שֵׁיין, עֶס אִיז מִיר אָבֶער זֵייעֶר שְׁוֶוער. אִיךְ רֶעג זִיךְ אוֹיף אַזוֹי שְׁנֶעל וֶוען זִי רֶעדְט צו מִיר, אִיךְ דַארְף זִיךְ אַיינְהַאלְטְן מִיט אַייזֶערְנֶע כּוֹחוֹת צו רֶעדְן שֵׁיין צו אִיר. און אַז אִיךְ רֶעד שֵׁיין צו אִיר אִיז עֶס נָאר וַוייל אִיךְ אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף מִיר.

אִיךְ ווִיל אַן עֵצָה, אִיךְ ווִיל ווִיסְן צִי אִיךְ וֶועל נָאךְ קֶענֶען אַמָאל זִיצְן און שְׁמוּעֶסְן מִיט אִיר שֵׁיין אַזוֹי ווִי צְוֵויי גוּטֶע פְרֵיינְד.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י״ח אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

עֶס דַארְף אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז אִיר קוּמְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס מִיט אַייעֶר יוּנְגֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער. עֶס אִיז דָא בַּיי אַסַאךְ יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן דֶעם גֶעפִיל; מֶען לוֹיפְט אַוֶועק פון דִי גֶעשְׁווִיסְטֶער, מֶען וֶוערְט נֶערְוֶועז פון זֵיי. רוֹב מָאל קוּמְט דֶער גֶעפִיל וַוייל

מֶען מֵיינְט אַז מֶען טְרָאגְט דִי אַחְרַיוּת אוֹיף זֵיי, מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען וֶועט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט פוּן זֵייעֶר רֶעדְן, פוּן זֵייעֶר אוֹיפְפִירוּנְג אוּן דָאס גְלַייכְן.

אַז אִיר וֶועט אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ אַז אִיר טְרָאגְט נִישְׁט קַיין אַחְרַיוּת ווִי אַזוֹי אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער פִירְט זִיךְ אוֹיף, עֶס אִיז נִישְׁט אַייעֶר אַחְרַיוּת ווִי אַזוֹי זִי פִירְט זִיךְ - וֶועט אַייךְ זַיין גְרִינְגֶער אִיר אוֹיפְפִירוּנְג, אִיר וֶועט קוּקְן אוֹיף אִיר ווִי מֶען קוּקְט אוֹיף אַ פְרֶעמְדֶע מֵיידְל, וֶועט עֶס אַייךְ נִישְׁט אַזוֹי נֶערְוֶועז מַאכְן.

וֶוען אִיר מַאכְט קַבָּלוֹת, אִיר ווִילְט זַיין גוּט; דַארְפְט אִיר נִישְׁט מַאכְן קַבָּלוֹת צוּ פָאלְגְן אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער אוּן צוּ טוּן וָואס זִי בֶּעט אַייךְ, פָאלְגְן זָאלְט אִיר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן פָאלְגְן דַארְף מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַלֶעמֶען, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וְשֶׁנְּדַבֵּר כָּל אֶחָד אֶת חֲבֵרוֹ בַּדֶּרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָרָצוּי לְפָנֶיךָ", אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ מַיינֶע פְרַיינְט שֵׁיין, "וְאַל יַעֲלֶה בְּלִבֵּנוּ שׁוּם שִׂנְאָה מֵאֶחָד עַל חֲבֵרוֹ חָלִילָה", אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט פַיינְט הָאבְן.

ווִי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט מֶען מֶער אוּן מֶער אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט; עֶס בַּאדֶערְט שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹיפִיל זַאכְן, עֶס שְׁטֶערְט נִישְׁט מֶער דִי זַאכְן וָואס פְלֶעגְן שְׁטֶערְן בִּיז אַהֶער. רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַזוֹי ווִי דָאס כָּשֵׁר מַאכְן פְלֵייש, מֶען זַאלְצְט דִי פְלֵייש אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דִי בְלוּט, דָאס זֶעלְבֶּע אִיז הִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל הֶעלְפְן אַרוֹיס נֶעמֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת פוּן זִיךְ, דוּרְכְדֶעם גֵייט אַרוֹיס דִי גַאנְצֶע שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּר אוּן מֶען וֶוערְט אַ כָּשֵׁר שְׁטִיקְל פְלֵייש, מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### הֲכָּרַת הַטּוֹב פַאר׳ן הֶעלְפְן אוֹיסְהַאלְטְן דִי טֵייעֶרֶע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַתָּנָה דֶעם סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן אַלְס הֲכָּרַת הַטּוֹב פַארְ׳ן מִיר הֶעלְפְן אוֹיסְהַאלְטְן דִי טֵייעֶרֶע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט - תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וָואס לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער.

...

### נָאכְ׳ן לֶערְנֶען זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן רֵיינִיגְן דִי שׁוּל

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ג אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד הַיֶּלֶד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דַיין מְלַמֵּד גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר; וְוִי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט אוּן וְוִי שֵׁיין דוּ פִירְסְט זִיךְ, דוּ מַאכְסְט מִיר אַזוֹיפִיל נַחַת מִיט דֶעם.

יֶעצְט אִיז דַיינֶע בֶּעסְטֶע יָארְן; זָאלְסְטוּ אוֹיסְנוּצְן דִי טֶעג מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶנֶען. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנד.): ״יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָא״, דִי שֶׁענְסְטֶע זְמַן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן.

וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט לֶערְנֶען זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן רֵיינִיגְן דִי שׁוּל, דוּ מִיט דַיינֶע

חֲבֵרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַ נָאמֶען פוּן אַ צַדִּיק הָאט אַ גְרוֹיסֶער כֹּחַ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ג אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

מַזָל טוֹב פַאר אַייעֶר נֵיי גֶעבּוֹירֶענֶעם אִינְגֶל! מַזָל טוֹב פַארְ׳ן בְּרִית! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן כְּשֵׁם שֶׁנִּכְנַס לַבְּרִית כֵּן יִכָּנֵס לְתוֹרָה, לְחֻפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים.

וְיִקָּרֵא שְׁמוֹ בְּיִשְׂרָאֵל אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ הֵיילִיגֶע נָאמֶען, נָאךְ מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶר זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, דֶער נָאמֶען וָואס עֶר טְרָאגְט זָאל אִים הֶעלְפְן זַיין אַ צַדִּיק.

אַ נָאמֶען פוּן אַ צַדִּיק הָאט אַ גְרוֹיסֶער כֹּחַ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, בַּמִּדְבָּר) אַ נָאמֶען נָאךְ אַ צַדִּיק הֶעלְפְט, ״שֶׁיִּהְיֶה גַם כֵּן צַדִּיק״, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק, ״מֵחֲמַת שֶׁנִּתְעוֹרֵר הָאוֹר שֶׁל הַצַּדִּיק שֶׁהוּא בָּעוֹלָם הָעֶלְיוֹן״, דָאס וֶועקְט אוֹיף דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם צַדִּיק אוֹיבְן אִין הִימְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת אוּן אִיר זָאלְט קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן אַייעֶרֶע קִינְדֶער מִיט נַחַת אוּן פְרֵייד.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## קוּקְט אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים פוּן אַייעֶר מַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ג אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳,**

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז אִיר הָאט גְרוֹיס צַעַר פוּן אִים, אִיר הָאט טַעֲנוֹת אוֹיף אִים; בְּעִיקָר הָאט אִיר צְוֵויי גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט אִים, אֵיינְס אַז עֶר שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט, אוּן דִי צְוֵוייטֶע טַעֲנָה אַז עֶר הָאט שַׁיְיכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב. אִיר לוֹיפְט אַרוּם פוּן אֵיין עֵצָה גֶעבֶּער צוּם צְוֵוייטְן, אִיר זוּכְט וֶוער עֶס קֶען אַייךְ הֶעלְפְן; קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, אִיר פַּיינִיגְט זִיךְ אוּן אִיר עֶסְט זִיךְ אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, אַייעֶר מַאן בֶּעט מִיר אַן עֵצָה וָואס עֶר קֶען טוּן אַז דָאס לֶעבְּן צְוִוישְׁן עֶנְק זָאל זַיין זִיס.

אִיךְ מַיין אַז אִיר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס פַאר אַ טֵייעֶרְער מַאן אִיר הָאט, אַסַאךְ פְּרוֹיעֶן וָואלְטְן זִיךְ גֶעוואוּנְטְשְׁן אַז דָאס זָאלְן זַיין זֵייעֶרֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען; אַייעֶר מַאן אִיז אַ טֵייעֶרְער מֶענְטְשׁ, אַ וֵוייכֶע הַארְץ, אַ נְשָׁמָה, אַ מֶענְטְשׁ אָנְגֶעפִילְט מִיט גֶעפִילְן, עֶרְלִיךְ אוּן פְרַיינְטְלִיךְ; עֶר הָאט דִי אֵיין פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אַבִּיסְל שְׁפֶּעט.

אִיךְ פְרֶעג אַייךְ, פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס אִיר זָאלְט זִיךְ אוֹיפְעֶסְן צוּלִיבּ דֶעם? אִיר דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין אַז עֶר טוּט דָאס נִישְׁט פַאר שְׁלֶעכְטִיקֵייט, נָאר דָאס אִיז זַיין נַאטוּר, עֶר אִיז אַזוֹי אוֹיפְגֶעוַואקְסְן. בַּיי זַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א לֵייגְט מֶען נִישְׁט אַזַא שְׁטַארְקֶע דָגוּשׁ אוֹיף אוֹיפְשְׁטֵיין פַּארְטָאגְס, דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה שְׁלָאפְט אַריין בִּיז אִין טָאג, אִיז וָואס זָאלְט אִיר זִיךְ עֶסְן אוּן עֶסְן אוֹיף דֶעם? דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס אִיז אַייעֶר גַאנְצֶע דַאֲגָה, דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַ מַאן וָואס אִיז עֶרְלִיךְ, עֶר הֶעלְפְט אַייךְ אוּן עֶר אִיז גֶעטְרֵיי צוּ דִי קִינְדֶער, וָואס פֶעלְט אַייךְ? פַארְוָואס זָאלְט אִיר זִיךְ עֶסְן דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן?

בְּנוֹגֵעַ דִי צְוֵוייטֶע טַעֲנָה וָואס אִיר הָאט, אִיר ווִילְט נִישְׁט עֶר זָאל הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב; וָואס זָאל אַייךְ אָנְגֵיין אַז אַייעֶר מַאן הָאט חַיּוּת פוּן דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ סְפָרִים? וָואס נֶעמְט דָאס אַוֶועק פוּן אַייעֶר לֶעבְּן? אַז אַייעֶר מַאן שְׁפִּירְט אַז דִי סְפָרִים אוּן דְרָשׁוֹת הֶעלְפְן אִים אוּן עֶס גֶעבְּט אִים עֵצוֹת אִין זַיין לֶעבְּן - פַארְוָואס דַארְפְט אִיר זִיךְ אוֹיפְעֶסְן אוּן זוּכְן פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד אוֹיף וָואס צוּ מַאכְן אַ

רַאבֶּעַיי?

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מִיר זוּכְן אַלֶע זְכוּתִים פַארְ'ן יוֹם הַדִין; דַארְפְט אִיר זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען אוּן תְּשׁוּבָה טוּן פַארְ'ן סֶעקִירְן אַייעֶר מַאן טָאג טֶעגְלִיךְ. אִיר טָארְט נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן פוּן אִים עֶר זָאל זַיין וִוי אַייעֶר טַאטֶע שְׁלִיטָ"א; אַז אַייעֶר טַאטֶע שְׁלִיטָ"א שְׁטֵייט אוֹיף פַארְטָאגְס, אִינְמִיטְן דִי נַאכְט - אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב פַאר אִים אַלֵיינְס, דָאס מֵיינְט אָבֶער נִישְׁט אַז אַייעֶר מַאן דַארְף אוֹיפְשְׁטֵיין פּוּנְקְט אִין דִי צַייט. אַייעֶר טַאטֶע הָאט אוֹיךְ נִישְׁט דִי מַעֲלוֹת פוּן אַייעֶר מַאן שְׁלִיטָ"א; עֶר קֶען נִישְׁט זַיין וִוי אַייעֶר מַאן, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשָׁאנְקֶען מִיט זַיינֶע מַעֲלוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְלַאנְגְט נִישְׁט מֶען זָאל נָאכְמַאכְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל אִים דִינֶען מִיט זַיינֶע נַאטוּרְן אוּן מִיט זַיין וֶועג.

אִיר וֵוייסְט אַוַדַאי וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט אַלֶע קִינְדֶער אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל, דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זוּשָׁא פוּן הַאנִיפָּאלִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אִיךְ וֶועל אַרוּיף קוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל וֶועט מֶען מִיר נִישְׁט פְרֶעגְן 'פַארְוָואס בִּיסְטוּ נִישְׁט גֶעוֶוען וִוי דַיין בְּרוּדֶער אֱלִימֶלֶךְ?' מֶען וֶועט מִיר פְרֶעגְן 'פַארְוָואס בִּיסְטוּ נִישְׁט גֶעוֶוען וִוי זוּשָׁא דַארְף זַיין?' אִיךְ וֶועל דַארְפְן אָפְּגֶעבְן דִין וְחֶשְׁבּוֹן פַארְוָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי אִיךְ דַארְף זַיין"; וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל נִישְׁט מֶען זָאל נָאכְמַאכְן אַנְדֶערֶע, נָאכְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם.

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ וַוייל עֶס טוּט מִיר וֵויי צוּ זֶען וִוי אַייעֶר מַאן לַיידְט; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי אִיר וֶועט אֲפִילוּ וֶועלְן לֵיינֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער, אִיר זֶענְט דָאךְ בְּרוֹגֶז אַז אַייעֶר מַאן רֶעדְט צוּ מִיר וְכוּ', דָאךְ שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ דִי וֶוערְטֶער וַוייל עֶס רַייסְט מִיר מַיין הַארְץ פַארְוָואס אִיר לֶעבְט נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם. אִיךְ וִויל כָאטְשִׁיג אַז אַייעֶר מַאן זָאל הָאבְן אַבִּיסְל חִיזוּק, עֶר זָאל שְׁפִּירְן וִוי אֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט אִים, אוּן אֶפְשָׁר וֶועלְן נָאךְ אַנְדֶערֶע וַוייבְלֶעךְ אוֹיפְהֶערְן סֶעקִירְן דִי מֶענֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נִישְׁט "פּוּנְקְט" וִוי זֵייעֶר פָאטֶער.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער; אִיר וֶועט פוּן הַיינְט אָן קוּקְן גוּט אוֹיף אַייעֶר מַאן אוּן אִיר וֶועט אִים נָאר אוֹיפְהֵייבְן, אִיר וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן וֶוען עֶר שְׁלָאפְט, אִיר וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְן מֶען זָאל אִים נִישְׁט אוֹיפְוֶועקְן כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען גוּט אוֹיסְרוּעֶן אוּן וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף - נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוען - וֶועט אִיר אִים וַוייטֶער לִיבּ הָאבְן אוּן אִיר וֶועט שְׁמֵייכְלֶען צוּ אִים. עֶר וֶועט אָנְהֵייבְן שְׁפִּירְן

׳מַיין װייבּ הָאט מִיר לִיבּ, מַיין װַייבּ פַּארְשְׁטֵייט מִיר, מַיין װַייבּ קוּקְט אוֹיף מִיר גוּט׳, װֶעט אִיר אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע לֶעבְּן װָאס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אִין בְּרֶסְלֶב, אִיר װֶעט אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן אַ לִיבְּשַׁאפְט, דִי שְׁכִינָה װֶעט רוּעֶן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מַאכְן גְרוֹיסֶע װאוּנְדֶער, דִי גְרֶענִיץ װֶעט זִיךְ עֶפֶּענֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ד אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

מַאךְ אַלֶעס גְרֵייט; אַז דוּ הָאסְט נָאךְ נִישְׁט קַיין טִיקֶעט זָאלְסְטוּ שׁוֹין קוֹיפְן אַ טִיקֶעט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מַאכְן גְרוֹיסֶע װאוּנְדֶער, דִי גְרֶענִיץ גֵייט זִיךְ עֶפֶּענֶען אוּן מִיר װֶעלְן קֶענֶען פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער בִּנְיָן אִין אוּמַאן אִיז גְרֵייט, מֶען קוֹיפְט שׁוֹין אַיין דִי עֶסְן; מִיר װַוארְטְן יֶעדֶע רֶגַע צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז מֶען לָאזְט אוּנְז אַרַיין אִין אוּמַאן.

עֶס דְרֵייִדְט זִיךְ אַרוּם נַייעֶס אַז דִי רְשָׁעִים דִי עֵרֶב רַב - זֵיי שְׁטֵייעֶן אוּנְטֶער דֶעם; עֶס לֵייגְט זִיךְ אוֹיפְ׳ן שֵׂכֶל אַז זֵיי טוּעֶן דָאס, װַוייל זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר פַּיינְט עֶרְלִיכֶע אִידְן, בִּפְרַט בְּרֶסְלֶב׳עֶר חֲסִידִים.

קוֹיף שׁוֹין אַ טִיקֶעט װַוייל דִי פְּרַייזְן װֶעלְן בַּאלְד אַרוֹיף שְׁפְּרִינְגֶען.

הַיינְט נַאכְט װֶעט זַיין דֶער װֶעכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה אִין װִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען; שׁוֹין לַאנְגֶע װָאכְן װָאס אִיךְ זֶע דִיר נִישְׁט, יֶעצְט בִּין אִיךְ צוּרִיק אִין שְׁטָאט װַוארְט אִיךְ אוֹיף דִיר. לָאמִיר זִיךְ צוּזַאמֶען מְחַזֵּק זַיין, לָאמִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אֲשֶׁר בַּנַּחַל שָׂם גּוֹרָלֵנוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**וואו לִיגְט דֶער רֶבִּי?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ד אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ דִי נֵייעֶס וָואס דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּם אַז דֶער רֶבִּי לִיגְט אִין צְפַת, דוּ ווִילְסְט ווִיסְן וָואס גֵייט פָּאר.

יֶעדְן טָאג קוּמְט אַ צְוֵוייטֶער מִיט זַיין דִמְיוֹן וואו דֶער רֶבִּי לִיגְט; הַיינְט אִיז עֶס צְפַת, נֶעכְטְן אִיז עֶס אִין יְרוּשָׁלַיִם בַּיי קֶבֶר דָוִד הַמֶּלֶךְ, אַייעֶר נֶעכְטְן אִיז עֶס קֶעגְן אִיבֶּער דֶעם צִיוּן אִין אוּמַאן; דָאס אִיז אַלֶעס לֵצִים אָדֶער בַּעֲלֵי דִמְיוֹנוֹת.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַמָאל בַּיי מוֹהֲרָא״ש אִין שְׁטוּב, זָאגְט מִיר מוֹהֲרָא״ש אַז הַיינְט הָאט אִים אַ בַּעַל דִמְיוֹן פוּן יְרוּשָׁלַיִם גֶערוּפְן אוּן אִים אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר אִיז זִיכֶער אַז דֶער רֶבִּי לִיגְט אִין אוּמַאן דָארְט וואו עֶס אִיז מְקוּבָּל, ווַייל אִים דַאכְט זִיךְ אַז דֶער רֶבִּי לִיגְט קֶעגְן אִיבֶּער דֶעם צִיוּן, בַּיי דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים, עֶר מֵיינְט אַז דֶער רֶבִּי לִיגְט דָארְט; מוֹהֲרָא״ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט: ״קוּק ווִי אַ מֶענְטְשׁ קֶען פַארְקְרִיכְן מִיט דִמְיוֹנוֹת״.

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת דִי גַאנְצֶע הִשְׁתַּלְשְׁלוּת פוּנֶעם צִיוּן, פוּן שְׁנַת ת״ש וֶוען דִי רוּסְן יִמַּח שְׁמָם הָאבְּן פַארְמַאכְט דֶעם קְלוֹיז אוּן אַ יָאר שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעפַאלְן אַ בָּאמְבֶּע אוֹיפְ׳ן צִיוּן, וָואס דֶער צִיוּן אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, אוּם שְׁנַת תש״א; אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן.

מַאךְ זִיךְ גְרֵייט, קוֹיף אַ טִיקֶעט; ווַייל בַּאלְד וֶועלְן דִי פְּרַייזְן אַרוֹיפְשְׁפְּרִינְגֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן מִיר וֶועלְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אִין אוּמַאן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**זַיי מִיר דַן לְכַף זְכוּת, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ רֶעד נִישְׁט אֶחָד בְּפֶה וְאֶחָד בְּלֵב; וֶוען אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ "אִיךְ הָאבּ לִיבּ צוּ רֶעדְן מִיט אַייךְ" - אִיז דָאס אֱמֶת, וֶוען אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ "מַיין טַייעֶרֶער חָבֵר" - אִיז דָאס אֱמֶת און וֶוען אִיר רוּפְט מִיר און אִיר קֶענְט נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ מִיר - אִיז דָאס אוֹיךְ אֱמֶת, ווַייל אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען.

אִיר וֶועט עֶס נִישְׁט גְלֵייבְּן בִּיז אִיר וֶועט זֶען מִיט דִי אוֹיגְן וָואס לִיגְט אַלְץ אוֹיף מִיר, אַלֶעס אַלֵיינְס צוּ טוּן; אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שְׁטַאבּ, אִיךְ אַלֵיינְס זִיץ מִיט דִי בָּחוּרִים און גֶעבּ זֵיי כַּמָּה שִׁיעוּרִים אִין אֵיין טָאג, אִין בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, רַמְבַּ"ם און אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. נָאכְדֶעם לִיגְט אוֹיף מִיר דְרֵיי תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס, אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי און יֶעצְט הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט אַ דְרִיטֶע אִין קִרְיַת יוֹאֵל. נָאכְדֶעם דִי מֵיידְל סְקוּל; אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג און אִין שְׁטֶעטְל, יֶעדֶע זַאךְ פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין לִיגְט אוֹיף מִיר. נָאכְדֶעם דִי צְוֵויי כּוֹלְלִים, שִׁיעוּרִים פַאר אַבְרֵכִים, מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת צְווִישְׁן פָּארְפֶעלְקֶער, דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און מוֹהֲרָא"שְׁ'ס סְפָרִים, און נָאךְ אַסַאךְ.

אִיךְ ווֵייס נִישְׁט פַארְוָואס אִיר זֶענְט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר; אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, אִיר דַארְפְט מִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת.

בְּנוֹגֵעַ דִי וָואס ווִילְן מֶער נִישְׁט אַרַיין לָאזְן דֶעם סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וְכוּ', (חָסֵר).

זַייט מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף דִי בְּרִיוו וֶוען אִיר הָאט גֶעבֶּעטְן וֶועגְן אַ שִׁידוּךְ; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי הָאט גֶעטְרָאפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה און זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## הֶעלְף אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט״ו אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער שַׁבָּת אִיז אֵיינְס פַאר דִי לֶעצְטֶע שַׁבָּת פוּן דֶעם יָאר, אַז מִיר וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן הִיטְן דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי שַׁבָּתִים פוּנֶעם יָאר וֶועלְן מִיר וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט - יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זַיין גָלוּת.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קיח:): ״אִלְמָלֵי מְשַׁמְּרִים יִשְׂרָאֵל שְׁתֵּי שַׁבָּתוֹת, מִיָּד נִגְאָלִין״, אַז מֶען וֶועט הִיטְן צְוֵויי שַׁבָּתִים וֶועט מֶען גְלַייךְ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן גָלוּת; וָואס אִיז דֶער גָלוּת? דֶער עִיקָר גָלוּת אִיז אַז מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶעבְּט מִיט טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל, מֶען מֵיינְט אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, אָבֶּער אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֵוייסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז דִי גְאוּלָה, מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעלֵייזְט, מֶען וֶוערְט אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קַיין וֵוייטָאגְן, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קַיין זָארְג, מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט, מֶען וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה; אֲפִילוּ דִי שְׁלֶעכְטֶס, אֲפִילוּ זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס נִישְׁט גוּט - וֵוייסְט מֶען אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה.

מַאךְ זִיךְ גְרֵייט אוּן הֶעלְף דַיין וַוייבּ אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת; זָאג נִישְׁט עֶס פַּאסְט דִיר נִישְׁט, זָאג נִישְׁט דוּ טוּסְט נִישְׁט קַיין שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט. דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבְּן אַלֶעס גֶעטוּן אִין שְׁטוּבּ אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם שַׁבָּת, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת קיט.): דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבְּן אַלֵיינְס גֶעטוּן דִי הֲכָנוֹת לְכָבוֹד שַׁבָּת; ״רַב סַפְרָא מְחָרֵיךְ רֵישָׁא״, רַב סַפְרָא הָאט אָפְּגֶעבְּרֶענְט דֶעם קָאפּ פוּן אַ בְּהֵמָה לְכָבוֹד שַׁבָּת; ״רָבָא מָלַח שִׁיבּוּטָא״, רָבָא הָאט אַלֵיינְס גֶעזַאלְצְן דִי פִישׁ; ״רַב הוּנָא מַדְלִיק שְׁרָגֵי״, רַב הוּנָא הָאט אָנְגֶעגְרֵייט דִי לֶעכְט; ״רַב פָּפָּא גָּדִיל פְּתִילְתָא״, רַב פָּפָּא הָאט גֶעמַאכְט דִי קְנוֹיטְן; ״רַב חִסְדָּא פָּרִים סִילְקָא״, רַב חִסְדָּא הָאט גֶעשְׁנִיטְן דִי גְרִינְצֵייג; ״רַבָּה וְרַב יוֹסֵף מְצַלְחִי צִיבֵי״, רַבָּה אוּן רַב יוֹסֵף הָאבְּן גֶעהַאקְט הָאלְץ; ״רַבִּי זֵירָא מְצַתֵּת צַתּוּתֵי״, רֶבִּי זֵירָא הָאט

אָנְגֶעצִינְדְן דִי פֵייעֶר מִיט קְלֵיינֶע שְׁטִיקְלֶעךְ הָאלְץ; "רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק מְכַתֵּף וְעָיֵיל מְכַתֵּף וְנָפִיק", רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק הָאט אַלֵיינְס אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע קְלֵיידֶער און כֵּלִים, אַזוֹי ווִי מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן מְקַבֵּל צוּ זַיין אַ חָשׁוּב'עֶר גַאסְט; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבְּן אַלֵיינְס גֶעאַרְבֶּעט אָנְצוּגְרֵייטְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעשֶׁעמְט וְכוּ', זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז עֶס פַּאסְט נִישְׁט, נָאר אַדְרַבָּה, זֵיי הָאבְּן עֶס גֶעטוּן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס שִׂמְחָה; דַארְפְן מִיר זִיךְ זִיכֶער מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ הֶעלְפְן דִי וַוייבּ אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, גֵיי אַרַיין אִין שַׁבָּת מִיט שָׁלוֹם און לִיבְשַׁאפְט. זוּךְ נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, זוּךְ נִישְׁט אוֹיסְצוּפִירְן; זַיי קְלוּג, זַיי דוּ דֶער וָואס בֶּעט אִיבֶּער - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּעֶן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ און עֶס וֶועט זַיין אַלֶע בְּרָכוֹת.

בְּנוֹגֵעַ אוּמַאן; פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, הָאבּ אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אָנְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע תְּפִילוֹת, וַוייל מִיר אַלֶע קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע נֵס מִיר זָאלְן קֶענֶען גֵיין, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## פוּן הִימְל ווִיל מֶען זֶען ווִי אַזוֹי דוּ דֶערְהַאלְסְט זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת, עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁוֶוערֶע צַייט; פוּן הִימְל ווִיל מֶען זֶען ווִי אַזוֹי דוּ דֶערְהַאלְסְט זִיךְ, ווִי שְׁטַארְק דוּ בִּיסְט; מֶען ווִיל זֶען צוּ וֶועם דוּ וֶועסְט זִיךְ וֶוענְדְן בְּעֵת צָרָה.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלב), עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס הָאט אַיינְגֶענוּמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ לֶענְדֶער און וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין אַלֶעס אַיינְגֶענוּמֶען און גֶעוָואלְט אַרַיין גֵיין אִין פַּאלַאץ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט און

גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מִילִיטֶער לַייט: "מֶען קֶען נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִינֶעם פַּאלַאץ ווייל עֶס אִיז דָא אַ שְׁפִּינֶען וֶועבַּאכְטְס (קוּרֵי עַכָּבִישׁ)", הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה: "אִיז דֶען דָא אַ גְרֶעסֶערֶע שְׁטוּת פוּן דֶעם? הָאסְט דָאךְ אַלֶעס אַיינְגֶענוּמֶען, אוּן וֶועגְן אַ קְלֵיין בִּיסְל שְׁפִּינֶען וֶועבַּאכְטְס (קוּרֵי עַכָּבִישׁ) גֶעבְּט מֶען אוֹיף?!"

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ אַלֶעס בֵּייקוּמֶען; אֱמוּנָה מַאכְט שְׁטַארְק, אֱמוּנָה גֶעבְּט כֹּחַ, אֱמוּנָה גֶעבְּט אֹמֶץ הַלֵּב צוּ קֶענֶען בֵּייקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### אַ שָׁאד דִי צַייט זִיךְ צוּ טַעְנָה'ן מִיט מֶענְטְשְׁן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, לִיבֶּער בְּרִידֶער, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם, שֶׁיִּחְיוּ.**

וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְלוֹירְן פוּן דִי גַאנְצֶע פַּחַד אוּן בִּלְבּוּל וָואס מֶען מַאכְט וֶועגְן אוּמַאן; מִיר דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, מִיט תְּפִלָּה וֶועלְן מִיר אָנְקוּמֶען.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן, מַאכְט נִישְׁט פוּן עִיקָר טָפֵל אוּן פוּן טָפֵל עִיקָר; גֶעדֶענְקְט וָואס דֶער רֶבִּי ווִיל פוּן אוּנְז, דֶער רֶבִּי ווִיל מִיר זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ ווִיל אַייךְ מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגּוּם, דָאס בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם. לֵיידֶער לֵיידֶער קֶען מֶען אוֹיסְקוּקְן פוּן אִינְדְרוֹיסְן ווִי וֵוייס אִיךְ וָואס, אָבֶּער מֶען לֶערְנְט נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י, מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְּכַי'לֶע מִנָּאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דֶעם בַּעַל עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט אִים דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל בַּאזוּכְן זַיין יְשִׁיבָה, עֶר זָאל זֶען ווִי פְלַייסִיג זַיינֶע תַּלְמִידִים לֶערְנֶען

און ווי עֶרלִיךְ זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְּכַי'לֶע מִנָּאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי יְשִׁיבָה זֶען דִי בָּחוּרִים, וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר'ן עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם: "זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם!" הָאט דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי, פַארְוָואס זָאגְט אִיר אַזוֹי?!" הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "ווייל זֵיי לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י!" זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיב מֶען וויל הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם דַארְף מֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט כִּמְעַט בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר רֶעדְן צוּ אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, מִיר זָאלְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם פוּן אָנְהֵייבּ וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, און אַזוֹי ווייטֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", ווער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים; דֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פְרַייטָאג - עֶרֶב שַׁבָּת, אָבֶּער מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף זִיךְ און זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן: וָואס טוּ אִיךְ? הָאבּ אִיךְ גֶעעֶפְנְט אַ חוּמָשׁ דִי וָואךְ? הָאבּ אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען פָארִיגֶע וָואךְ? אַז מֶען הֵייבְּט אָן פוּן זוּנְטָאג און יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגּוּם אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען עֶנְדִיגְט יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה און מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיט דִי פַּרְשָׁה יֶעדְן טָאג.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ מַיינֶע טַייעֶרֶע בְּרִידֶער פוּן יְרוּשָׁלַיִם, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ו, ג): "אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיּוֹת", מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר בִּזְכוּת וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת, נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (סַנְהֶדְרִין מב.): "בְּמִי אַתָּה מוֹצֵא מִלְחַמְתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה, בְּמִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ חֲבִילוֹת שֶׁל מִשְׁנָה", דֶער וָואס לֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת דֶער אִיז זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה; מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ כֹּחַ מִשְׁנַיּוֹת הָאט און וָואס עֶס טוּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיּוֹת וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דֶער עִיקָר בֶּעט אִיךְ אַייךְ, טַעְנָה'ט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם; אַ שָׁאד דִי צַייט, אַ שָׁאד צוּ עֶנְטְפֶערְן. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָּאָה (אוֹת יג): "וּכְשֶׁתַּגִּיעוּ לְעוֹלָם הָאֱמֶת אָז תִּיוָכְחוּ צִדְקַת 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד' שֶׁל רַבֵּינוּ זַ"ל", וֶוען אִיר וֶועט

אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלט וֶועט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן דִי וָוארְהֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד; "וְעַל כֵּן מַה וְלָמָּה לָכֶם לְהִתְוַכֵּחַ?! טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב הַשֵּׁם, הַרְגִּילוּ עַצְמְכֶם לָזֶה וְאָז תִּרְאוּ וְתִרְגְּשׁוּ כָּל מִינֵי טְעָמִים בְּחַיֵּיכֶם", דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה'ען מִיט קֵיינֶעם, נָאר גֶעווֹאוֹינְט אַייךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען לוֹיט דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר זֶען אוּן שְׁפִּירְן אַלֶע טַעֲמִים אוֹיף דִי וֶועלְט, "כִּי הַתּוֹרָה הִיא חִיּוּתֵנוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא, חִיּוּת גַּשְׁמִי וְחִיּוּת רוּחְנִי", וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דִי תּוֹרָה גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת, "אַשְׁרֵי מִי שֶׁאֵינוֹ מַטְעֶה עַצְמוֹ בָּזֶה הָעוֹלָם כְּלָל, וְיוֹדֵעַ אֲשֶׁר עִיקַּר הַלִּימּוּד הוּא רַק לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרֵךְ וְלוֹמֵד עַל מְנָת לְקַיֵּים מִצְווֹתָיו יִתְבָּרֵךְ וְלַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לוֹ יִתְבָּרֵךְ", ווארויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן וֵוייסְט אַז דֶער עִיקַּר לִימּוּד הַתּוֹרָה אִיז צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שָׁם.

אִיךְ הָאף זִיךְ צוּ זֶען מִיט אַייךְ אִין אוּמַאן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## מִיר קוּמֶען אִין אוּמַאן נָאר צוּם רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פָּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קעז): "רָאוּי לָכֶם לִשְׂמֹחַ בִּי, מַה שֶּׁזְּכִיתֶם שֶׁיִּהְיֶה לָכֶם רַבִּי כָּזֶה", אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיךְ בִּין עֶנְקֶער רֶבִּי; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר; אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְפְן מִיר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

מִיר קוּמֶען אִין אוּמַאן נָאר צוּם רֶבִּי'ן, מִיר קוּמֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיטְ'ן נָאמֶען מֹשֶׁה

װעלְװוֹל, עֶס אִיז אַרוֹיס אוֹיף אִים אַ שֵׁם רַע - אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אַז עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, װען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער טְשֶׁעהרִינֶער רַב גֶעשְׁרִיגָן אוֹיף אִים: ״מֹשֶׁה װעלְװוֹל, דוּ בִּיסְט אוּנְז אַ בִּזָּיוֹן, װער בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט קוּמֶען דָא?״ אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיפְ׳ן טְשֶׁעהרִינֶער רַב, ׳װאס הֵייסְט דוּ שְׁרֵייסְט אוֹיף אִים װער בֶּעט דִיר צוּ קוּמֶען דָא? עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִיר, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַװעק נֶעמֶען מֶענְטְשְׁן פוּן רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן׳; װייל װען מֶען קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם צִיּוּן פוּן רֶבִּי׳ן קוּמְט מֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם, מֶען קוּמְט נָאר צוּם רֶבִּי׳ן.

אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מוֹהֲרָא״שׁ פוּן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְלֶעגְט בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי׳ן; נָאכְדֶעם װאס דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים פְלֶעגְט עֶר זָאגְן ׳אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעבְּרֶענְגְט בִּיז אוּמַאן, פוּן דָא אִין װייטֶער װעט זִיךְ דֶער רֶבִּי זָארְגְן פַאר דִיר׳; װען מֶען קוּמְט קַיין אוּמַאן קוּמְט מֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם, נָאר צוּם רֶבִּי׳ן.

מִיר הָאפְן אוּן מִיר װַוארְטְן צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נַייֶעס אַז דִי גְרֶענִיץ עֶפְנְט זִיךְ אוּן מִיר װעלְן קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן, זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מַאךְ הַיינְט פַאר דִיר אַ ״יוֹם הוּלֶדֶת״, אַ טָאג װאס דוּ װעֶרְסְט פְרִישׁ גֶעבּוֹירְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י״ח אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, הַיינְט אִיז דִי יוֹם הוּלֶדֶת פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; אִיז יֶעצְט אַ פַּאסִיגֶע צַייט דוּ זָאלְסְט זִיךְ בַּאנַייעֶן, מַאךְ הַיינְט פַאר דִיר אַ ״יוֹם הוּלֶדֶת״, אַ טָאג װאס דוּ װעֶרְסְט פְרִישׁ גֶעבּוֹירְן, דוּ הֵייבְּסְט אָן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶנֶען.

טֵייעֶרֶער ..., קוּם אִין שׁוּל אִינְדֶערְפְרִי אוּן בַּיינַאכְט; זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה, נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נָאר צַייטְװיילִיג. קוּק

אָן זֵיידִי אוּן זַיינֶע בְּרִידֶער; זֵיידִי זִיצְט אוּן לֶערְנְט בַּיי דִי אַכְצִיג וִוי אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, דָאס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אַלְס בָּחוּר - טוּט עֶר נָאךְ בִּיזְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג.

אִיךְ וַוארְט אוּן הָאף צוּ הֶערְן פוּן דִיר וָואס דוּ נֶעמְסְט זִיךְ פָאר אִינֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, י"ח אֱלוּל.

מַאךְ זִיךְ גְרֵייט וַוייל מִיר פָארְן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קַיין אוּמַאן.

...

## אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי שֵׁיינֶע הוֹיז, צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס וֶועג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י"ח אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן **לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וּמִשְׁפַּחְתָּם שֶׁיִּחְיוּ.**

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם ה' בֵּרַכְנוּכֶם מִבֵּית ה'!

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְצוּנֶעמֶען אַייעֶר מִשְׁפָּחָה וָואס הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב; אִיר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַייעֶר שֵׁיינֶע אֵייגֶענֶע הוֹיז אוּן אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אִין אַ פָּשׁוּטְ'עֶ דִירָה פַאר רֶענְט אַבִּי צוּ קֶענֶען שִׁיקְן דִי קִינְדֶער - דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ - אִין אַ מוֹסָד וואוּ מֶען אִיז מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס וֶועג.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מְכִילְתָּא, הוּבָא בְּרַשִׁ"י), אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת יח, ה): "וַיָּבֹא יִתְרוֹ חֹתֵן מֹשֶׁה וּבָנָיו וְאִשְׁתּוֹ אֶל מֹשֶׁה אֶל הַמִּדְבָּר", יִתְרוֹ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִין מִדְבָּר; וָואס פֶעלְט אוֹיס צוּ זָאגְן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אִין מִדְבָּר? אַלֶע וֵוייסְן מִיר וואוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען, "אֶלָּא בְּשִׁבְחוֹ שֶׁל יִתְרוֹ הַכָּתוּב מְדַבֵּר", דֶער פָּסוּק ווִיל אוֹיסְלוֹיבְּן יִתְרוֹ, "שֶׁהָיָה יוֹשֵׁב בִּכְבוֹדוֹ שֶׁל עוֹלָם", עֶר אִיז גֶעזֶעצְן אִין דִי שֶׁענְסְטֶע מְכוּבָּד'יגְסְטֶע פְּלַאץ, "וְנִדְּבוֹ לִבּוֹ לָצֵאת אֶל הַמִּדְבָּר", דָאךְ הָאט עֶר אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אוּן גֶעקוּמֶען אִין מִדְבָּר, "מְקוֹם תֹּהוּ", אַ ווִיסְטֶע פְּלַאץ, "לִשְׁמוֹעַ דִּבְרֵי תּוֹרָה", צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אַז מֶען וואוֹינְט אִין שְׁטֶעטְל דַארְף מֶען זַיין אַ חֵלֶק פוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל; זָאלְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן וָואס דוּ גֵייסְט טוּן צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל.

...

## נוּץ אוֹיס דִי פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י״ח אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נוּץ אוֹיס דִי פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה. דוּ וואוֹינְסְט אִין דִי שֶׁענְסְטֶע פְּלַאץ, אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב; אַ שְׁטֶעטְל פוּן אֱמוּנָה, אַ שְׁטֶעטְל פוּן תְּפִלָּה; זָאלְסְטוּ אוֹיסְנוּצְן דִי פְּלַאץ מִיט הִתְבּוֹדְדוּת.

גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן יֶעדְן טָאג אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס מִיט וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט דִיר מְשׁוּגָע; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן אִים.

טַייעֶרֶער ..., דָאס טוּ אִיךְ; טָאג נָאךְ טָאג גֵיי אִיךְ שְׁפַּאצִירְן אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טוֹיזְנְטֶער מָאל: ״אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד, אִיךְ וִויל נָאר לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען״, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן.

מַאךְ זִיךְ גְרֵייט וַוייל מִיר פָארְן שׁוֹין קַיין אוּמַאן.

...

## דַיין יְשׁוּעָה לִיגְט נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הֶענְט, נִישְׁט בַּיים דָאקְטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י״ח אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

דַיין יְשׁוּעָה לִיגְט נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הֶענְט; פַארְלָאז זִיךְ נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם. וֶוען דוּ גֵייסְט צוּם דָאקְטֶער אִיז דָאס נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מֶען זָאל אַזוֹי טוּן, אָבֶּער מֶען טָאר פַאר קַיין אֵיין רֶגַע נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז דֶער דָאקְטֶער קֶען הֶעלְפְן אָדֶער פַארְקֶערְט.

יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּזוּנְדֶערְן פַאר אַפָּאר מִינוּט פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, אִין דִי פָּאר מִינוּט זָאלְסְטוּ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט הָאבְּן; אִין דִי פָּאר מִינוּט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל הָאבְּן קִינְדֶער, אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אוֹיף קִינְדֶער, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער

מִיט גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת״; דִי פָּאר מִינוּט זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן בַּאשֶׁעפֶּער אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער.

אַ גְרוּס פוּן דַיין מַאן, עֶר אִיז זֵייעֶר אַ וואוֹילֶער אִינְגֶערְמַאן.

...

## ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער אַלְץ נֶענְטֶער וֶוערְט מֶען צוּ אִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י״ח אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַאנְק אוּן לוֹיב דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר; ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער אַלְץ נֶענְטֶער וֶוערְט מֶען צוּ אִים, מֶען שְׁפִּירְט דֶעם זִיסְן טַעַם וָואס מֶען שְׁפִּירְט אִין גַן עֵדֶן. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן ב): ״כִּי זֶה עִקַּר שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא – לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לִשְׁמוֹ הַגָּדוֹל יִתְבָּרַךְ וּלְהַכִּיר אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ״, דָאס אִיז דִי זִיסְקֵייט פוּן עוֹלָם הַבָּא, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ מַאכְסְט אַלֶע הֲכָנוֹת פַּאר אוּמַאן, וַוייל מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועט זִיךְ דִי גְרֶענִיץ עֶפֶענֶען אוּן מִיר וֶועלְן זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פּוֹעֵלְ׳ן יְשׁוּעוֹת פַּאר אוּנְז אוּן פַּאר אַלֶע אִידְן.

טוֹבֵל זִיךְ יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה וֶועסְטוּ מְבַטֵּל זַיין אַלֶע דִינִים.

...

## דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַן אַנְדֶערֶע סָארְט תִּיקוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י״ט אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

תְּשׁוּבָה טוּן מֵיינְט נִישְׁט זַיין בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, דָאס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיט לֵב נִשְׁבָּר. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן מא): ״לֵב נִשְׁבָּר וְעַצְבוּת – אֵינוֹ עִנְיָן אֶחָד כְּלָל. כִּי לֵב נִשְׁבָּר הוּא בַּלֵּב, אֲבָל עַצְבוּת הוּא בָּא מִן

הַטְּחוֹל. וְעַצְבוּת שֶׁהוּא מֵהַטְּחוֹל, הִיא סִטְרָא אַחֲרָא וְהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא שׂוֹנֵא אוֹתָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַּיינְט עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת הָאט עֶר נִישְׁט צוּ טוּן מִיט קְדוּשָּׁה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (שָׁם, סִימָן מב; רלא): "וָואס אִיז דֶער חִילּוּק פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ אוּן עַצְבוּת?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוען מֶען אִיז בְּעַצְבוּת אוּן בְּמָרָה שְׁחוֹרָה אִיז מֶען בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אַלֶעמֶען, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן אִיז מֶען נִישְׁט בְּרוֹגֶז, נָאר מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר וְכוּ'**", אוּן בְּשַׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אַוֶועקְגֶעדְרֵייט פוּן דִי מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֶענְט אוּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר"**.

וָואס אִיז תְּשׁוּבָה? תְּשׁוּבָה אִיז וֶוען מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, מֶען נֶעמְט אָן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט; צִי אִיז עֶס אַ שָׁאדְן אָדֶער אַ בִּזָּיוֹן, מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, אוּן זִיכֶער אַז דוּ בַּאקוּמְסְט אַ פְּסַק אִין שְׁטוּב זָאלְסְטוּ שְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אַז מֶען הֶערְט וִוי מֶען פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, דָאס אִיז דֶער עִיקָּר וִוי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה; פְרֵיי דִיךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶע וֶועג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, מִיר דַארְפְן נִישְׁט פַאסְטְן אוֹיף אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים, מִיר דַארְפְן נִישְׁט טוּן קַיין גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת וְכוּ' אוּן סִיגּוּפִים וְכוּ'. דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַן אַנְדֶערֶע סָארְט תִּיקּוּן, דֶער תִּיקּוּן אִיז אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען מִיר הָאבְּן אַ בִּזָּיוֹן.

לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְן פוּן דִי נֵייעֶס, דִי נֵייעֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן; זֵיי גְרַאגֶערְן אִין קָאפּ כְּאִילּוּ דֶער פִירְט דִי וֶועלְט, יֶענֶער פִירְט דִי וֶועלְט, מֶען פַארְגֶעסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס - עֶר פִירְט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט טוּן אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט מַאכְן.

אִיךְ בִּין הַיינְט פַארְטָאגְס גֶעוֶוען אִין אוֹהֶל, אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## נִישְׁט מַאכְן קַיין נַייעֶ מִנְהָגִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י״ט אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז דוּ מַאכְסְט אַ מַצָּב מֶען זָאל קוּמֶען הַיינְט נַאכְט וְכוּ׳.

אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט נִישְׁט מַאכְן קַיין נַייעֶ מִנְהָגִים, בְּרֶעךְ נִישְׁט אוּנְטֶער וָואס אִיךְ פְּרוּבִיר מִיט מַיין בְּלוּט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען בַּיי מַיינֶע תַּלְמִידִים.

דִי לְחַיִּים פוּן מַיין זוּן אֶלְחָנָן חַיִּים נֵרוֹ יָאִיר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ און דִי תְּנָאִים אִיז שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ; אַז דוּ ווילְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּב בַּיינַאכְט, עֶס אִיז דִיר אוּמֶעטִיג וְכוּ׳ – זָאלְסְטוּ זִיךְ זוּכְן אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים, ווייל אִיךְ מַאךְ גָארְנִישְׁט; עֶס גֵייט גָארְנִישְׁט זַיין הַיינְט נַאכְט. אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן גֶעבְּן שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם; זֵיי זֶענֶען הַיינְט צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּזַאמֶען מִיט מַיין זֵיידֶע דֶער קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב שְׁלִיטָ״א, אִיךְ גֵיי אָפְּגֶעמֶען אַ מַזָּל טוֹב צוּזַאמֶען מִיט מַיין מְחוּתָּן נֵרוֹ יָאִיר.

בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט מִיר נִישְׁט אוּנְטֶער בְּרֶעכְן מַיינֶע שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט וָואס אִיךְ אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער מִיר זָאלְן קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער און מַאכְן שִׂמְחוֹת מִיט אַ קְלָארְן קָאפּ.

אִיךְ וֶועל שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין שׁוּם נַייעֶ מִנְהָגִים.

...